# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Gretkhen Geshtaltn Bay Khayim Grade Un Sol Belov / Laundry Characters By Chaim Grade and Saul Bellow

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/9kd1f20n

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 90(1)

### Author
Fisher:, Bernard

### Publication Date
1978

### Copyright Information
Copyright 1978 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

בערנהאַרד פישער

# גרעטכעץ געשטאַלטן ביי חיים גראַדען און סאול בעלאָו

דאָס גרעטכען געשטאַלט אין דער וועלט־ליטעראַטור איז צוערשט באַרימט געוואָרן דורך דער טראַגישער העלדין פון געטהעס ווערק פאַוסט און שפּעטער דורך גונאָס אָפּערע מאַרגערעטאַ: אַ יונגע פרוי וואָס ווערט אַ טרויעריקער קרבן פון איר ערשטע ליבע, אַ ליבע צו אַ מאַן ווי פאַוסט. אַט דעם אוניווערסאַלן גרעטכען באַגריף פון אַ פרויס ערשטע ליבע קען מען אויך דערקענען ביי צוויי כאַראַקטערן, וואָס ווערן געשילדערט אין די ווערק פון די היינט־צייטיקע יידישע שרייבערס חיים גראַדע און סאול בעלאָו: דבורה אין גראַדעס די ישיבה און דייזי אין בעלאָוס הערצאָג. דאָס ערשטע ווערק איז געשריבן אין יידיש און דאָס צווייטע אין ענגליש. ביידע זיינען אמתע יידישע „גרעטכענס", טרויעריקע קרבנות פון זייער ערשטער ליבע, הגם אַ היבש ביסל פאַרשידן.

חיים גראַדעס דבורהלע איז אַ יידיש־ליטוויש מיידל, וועמעס פּערזענלעכע טראַגעדיע וואַרצלט אין די ווערטן פון דער שטעטל־קולטור. סאָול בעלאָוס דייזי איז אַ יידיש־אַמעריקאַנער מיידל, וועמעס צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן ווערט צעשטערט, צעבראָכן בעת די פרויען־פרייהייט באַוועגונג האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשטאַרקן. דבורהלע איז דער פריערדיקער טיפּ. איר צייט איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, בשעת דייזיס איז נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דבורהלע איז דער מין גרעטכען וואָס שטאַמט פון שטעטל: אַ בת־ישראל ווערט פאַרשעמט און אויסגעשטעלט אויף יסורים. זי איז ניט דער כלל, זי איז גיכער דער אויסנאַם צווישן מער מזלדיקע יידישע טעכטער. אַנדערש איז דייזי, ווי מ׳ר וועלן דאָס באַלד זען.

* * * * *

צמח אַטלאַס, דער מאַן וואָס דערשיינט ווי אַ בליץ־שטראַל אין דבורהלעס לעבן, איז דער הויפּט־כאַראַקטער פון גראַדעס צוויי־בענדיקן ראָמאַן, די ישיבה. נאָך זייענדיק אַ יונג קרעפּטיק בחורל, אַ לערנער אין אַ ישיבה, האָט ער געהערט אַז אין דער מוסר־ישיבה פון נאַוואַרעדאָק „האָט מען דעם יצר הרע שוין אָוועקגעקוילעט." האָט ער געהאָפט, אַז דאָרט וועט ער איצט קענען אָנהייבן זיין לעבן פריי פון דער סיטרא אחרא, פריי פון די פאַרבאָטענע תאוות וואָס האָבן אים געפּלאָגט. ער האָט אָבער שנעל אויסגעפונען אַז אויך דאָרט לויערט דער שטן. צמח שרייט אַריין אין זיך אני מאמין און דער שטן שעפּטשעט אים אין אויער: „דו האָסט ניט קיין אמונה, דו נאַרסט!" פאַרטרויט זיך צמח אַטלאַס פאַר ר׳ יוסף־יוזל,

---

ראַטור ווייזט אונדז טאַקע ווי אַזוי אַט דער דראַנג דריקט זיך אויס ביי אַ באַשטימטן דור, די ענלעכקייטן אָדער אַנדערשקייטן צווישן די דורות אימיגראַנטישע און הי־דערצויגענע. עס ווענדט זיך אָבער אויך אין דעם שעפערישן כוח פון דעם קינסטלער, ווי טיף ער דרינגט אַריין אין דעם אינערלעכן לעבן פון זיינע העלדן און ווי פריי און קלאָר עס איז זיין אייגענער בליק אויף דער מענטשלעכער דראַמע.

„ביי די טייכן פון ניו־יאָרק" איז אַ בוך וואָס דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון אַ לעבן, וואָס ראַנגלט זיך מיט אַ גורל, וואָס מ׳קען נאָך גובר זיין. עס שאַפט אַ וואַרעם געפיל אַז דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז כמעט אַן אומבאַרירטער קוואַל פול מיט ריינעם שטאָף, טראָץ די פעלשער און פאַרלוימדער, ווי פריער דערמאָנט, פאַר גרויס־קינסטלערישער יצירה פון עטלעכע דורות הי־דערצויגענע יידן, היינט נאָך מער ווי פריער. טרייסטערס פאַרמעסט איז אַ גוטער אָנזאָג אויף די פאַראַנענע פּאָטענצן פון יידיש קינסטלערישער שאַפונג.

„דער אַלטער פון נאָוואָרעדאָק": „און ווי איז אַז מען איז ניט זיכער מיטן עיקר?" עצהט אים „דער אַלטער": „איר דאַרפט וואָס פריער חתונה האָבן."

נאָר די ספקות מאַטערן צמחן. עס קומט אים אָן שווער זיך צו שטאַרקן מיט פולער אמונה אַזוי ווי ביים אַנהיים. ווו זיינען אַהינגעקומען, טראַכט ער, זיינע פריערדיקע כוחות, בען ער פלעגט טראָגן אויף די אַקסלען יידישע קינדער איבער די זומפן, איבער דער גרענעץ פון באָלשעוויסטישן רוסלאַנד קיין פוילן כדי זיי צו ראַטעווען פאַר דער תורה?

דער איצטיקער ראש־ישיבה, וואָס האָט צמחן גוט געקענט, האָט אים געשיקט קיין אַמדור, אַ קליין שטעטל, און דאָרט גרינדן אַ נייע מוסר־ישיבה. זיין דרשה אין אַמדור האָט ביים עולם טאַקע אויסגענומען, אָבער קיין פעולה דערפון האָט ער ניט גענומען. צמח האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין זיינע אייגענע כוחות און האָט אויך קיין חשק ניט געהאַט צוריקצופאָרן.

* * * * *

# דבורהלע

האָט דער שדכן אים אָנגעשלאָגן אַ שידוך מיט אַ באַלעבאַטישער טאָכטער, און דער שווער וועט שוין זען אַז אַמדור זאָל יאָ האָבן אַ מוסר־ישיבה. ביי די תנאים האָט צמח באַמערקט אַז די פאַרבעטענע מיידלעך האָבן געשמועסט איינע מיט דער אַנדערער אָבער נישט מיט דבורהלען. איין חנוודיק מיידל האָט אפילו געוואָרפן אויף אים אַ חוזק־בליק: ווי אַזוי פאַסט אַזאַ שיינער, הויכער בחור ווי דו צו דבורהלען? אַ ביסל שפעטער איז ער צוביסלעך געוואָר געוואָרן, אַז איר פאָטער וועט דעם נדן קיין מאָל ניט סילוקן... און אַז אין שטעטל האַלט מען אים פאַר אַ שקרן און אַ קמצן; אַז ער פלעגט אויך שלאָגן זיין פאַרשטאָרבענער ווייב... צמח אַטלאָס האָט חרטה געהאַט אויפן שידוך. קומט ער צו דער כלה איר זאָגן אַז ער פאָרט אַוועק. דבורהלעס גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעהייבן אָנצופילן מיט טרערן. „גוט", האָט זי געזאָגט, און צמח איז אַרויס פון געוועלב און מורא געהאַט זיך אויסצודרייען צו זען אירע פאַרוויינטע אויגן.

שפעטער האָט צמח חתונה געהאַט מיט אַ מיידל וואָס האָט זיך גראָד פאַרליבט אין זיין מאָראַלישער פעסטקייט, אָבער געשטאַמט האָט זי פון אַ ניט־פרומער סוחרישער משפחה. אין גיכן פאַרלאָזט ער זיין שיין ווייבל און פאָרט גרינדן אַ ישיבה אין אַן אַנדער שטאָט. עס נעמט ניט לאַנג און צמח פאַלט צוריק אַריין אין זיינע אַלטע ספקות און מאַטערנישן מיט גריבלען זיך אינעם תוך פון מענטשלעכע מידות מיינענדיק אַז מ'קען דאָס שלעכטס אַרויסרייסן פון זיך ווי מען רייסט אַרויס דאָס ווילדגראָז פון גאָרטן. נאָר דבורהלע קומט אים אָפט צוריק אויף די געדאַנקען. אירע פאַרטרערטע אויגן האָט ער ניט געקאָנט פאַרגעסן. ער האָט ניט געוווסט אַז זי איז שנעל געטריבן געוואָרן צו איר קבר. דבורהלע האָט זיך אויסגעוויינט אירע ביטערע טעג און נעכט אין שטומקייט, ביז ס'איז נישט געבליבן קיין סימן פון לעבן אין איר שוואַכן גוף.

* * * * *

מאָזעס הערצאָג איז דער הויפט כאַראַקטער פון בעלאָוס הערצאָג. ער איז אַ פראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע. ער באַווייזט זיך פאַר דער וועלט נישט מיט זיין העלדישקט פון מידות טובות נאָר מיט אַ דיסערטאַציע וועגן דער מאָדערנער פילאָסאָפיע. מען האָט געקאָנט זען אַז דער יונגער געלערנטער שניידט זיך אויף אַן אינטעלעקטועלן ריז. שפעטער, ווען זיינע גייסטיקע כוחות זיינען געוועזן אויפן העכסטן שטאַפל האָט ער געשריבן זיין גרויס ווערק: ראָמאַנטיציזם און קריסטנטום. דייזי, זיין געליבט ערשט ווייב, האָט פאַרברענגט מיט אים אַ זייער קאַלטן ווינטער ערגעץ אין קאָנעקטיקוט. אין זיינע אַנדערע ווערק וואָס ער האָט דאַן געשריבן האָט ער געוואָלט באַווייזן ווי אַזוי „דאָס געזעץ פון האַרץ" רעגירט אין דער מערבדיקער ציוויליזאַציע. ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן אויסצושטעלן די קליין־קעפיקייט פון די אַנדערע געלערנטע צו לייטנס געלעכטער.

אַנשטאָט צו דערגרייכן זיינע צילן האָט ער זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון צוויי אַריינדרינגערס אין זיין לעבן: איינער אַ קנאַקער, אַ סימבאָלישער טייוול, אַ „דיסק־דזשאָקי", וואָס גיט לעקציעס

אין דער „הדסה“ וועגן מאַרטין בובער, אַ צווייטע, אַ לילית, אַ יפהפיה, צוליב וועלכער הערצאָג גט אָפּ זיין ערשט ווייב, דייזין, און האָט חתונה מיט זיין צווייט ווייב, די יפהפיה פון וועלכער ער האָט געהאַט בלויז צרות. זי טוט אַלץ וואָס זי קען כדי אים צו געפעלן און אַרויסצוקריגן פון אים קאָמפּלימענטן פאַר איר שיינקייט און חכמה. זעענדיק אַז זי קען דאָס פון הערצאָגן ניט קריגן ווערט זי די געליבטע פון דעם דיסק־דזשאַקי. ביידע הייבן אָן אַ פאַרשווערונג צו פאַרניכטן הערצאָגן.

בעלאָוס ראָמאַן איז פאַקטיש אַ באַריכט געשריבן לויט הערצאָגס שטראָם פון זיין אונטערבאַוווסטזיין. הערצאָג לאָזט זיך דאָ אַריין אין אַ מין תשובה, זיך דערמאָנענדיק געשעענישן, אַ פאַרזוך זיי צו דערקלערן, זיי צו פאַרענטפערן. דאָס דערגרייכט ער דורך שרייבן בריוו צו מענשטן פון זיין רעאַלער און פון זיין אויסגעטראַכטער וועלט, בריוו וואָס ער שיקט קיין מאָל ניט אַוועק. די בריוו ווערן אָן אַ פאַרוואָס אין מיטן איבערגעריסן און נאָך דעם פאָרגעזעצט מיט סצענעס פון זיין לעבן וואָס ער געדענקט מיט פרישע פאַרבן. אין אָט די בריוו דערשיינט דייזי ווידער און אָבער. פון די בריוו דערקענען מיר דייזיס בילד קלאָר און שאַרף.

* * * * *

**דייזי** איז געווען אַ שיינהייט אין איר צייט. זי האָט געשטאַמט פון אַ שטרענג יידישער משפחה, וואָס האָט זיך נאָך לאַנג צוריק באַזעצט אין אַהייאָ. הערצאָג האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אין אַ פרימאָרגן אונטער דער הויכבאַן אויף דער 51טער גאַס אין שיקאַגאָ, טראָגנדיק אַ פּאַק מיט קאָלעדזש־ביכער. זי האָט געהאַט גרויסע, שיפע, גרינע אויגן, געקרייזלטע האָר און אַ העלע הויט. אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער הויכבאַן, ווען זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין וואַגאָן, האָט ער איינגעאָטעמט דעם ריח פון זומערעפּל פון איר נאַקעטן האַלדז. איר באַנעמונג איז געווען שעמעוודיק און אויך עקשנותדיק.

נאָך זייער חתונה האָט הערצאָג זיך געקענט פאַרלאָזן אויף איר כאַראַקטער פעסטקייט און איר חוש פאַר אָרדענונג און סימעטריע. בעת זייער צוזאַמענלעבן האָט זי אים תמיד געגלייבט אַז ער באַשעפטיקט זיך מיט וויכטיקע ענינים. זי האָט זיך געהאַלטן שטרענג קאָרעקט און אויב זי האָט געהאַט אַ טענה האָט זי אים דאָס געזאָגט בלויז איין מאָל און נישט מער. זי איז געווען אַ געטרייע ווייב און אַ גוטע מאַמע צו זייער זון מאַרקאָ.

ווען הערצאָגס פאַלשע געליבטע האָט פאַרלאַנגט פון אים ער זאָל אָפּגטן זיין ווייב דייזי איז ער גלייך מסכים געווען ווי אַ לייכטזיניקער ייִנגל. און דאַן הייבט זיך אָן דייזיס צרהדיק לעבן. ווי ווייט מעגלעך האָט זי זיך באַמיט נישט אַרויסצווייזן אירע געפילן. אין זיינע נישט־אַרויסגעשיקטע בריוו דערמאָנט זיך הערצאָג, אַז איר גאַנץ אויסזען האָט זיך געענדערט צום שלעכטן. ס'האָט אים געשוידערט צו זען וואָס פון דייזין איז געוואָרן ווען ער פלעגט קומען זען זייער זון מאַרקאָן.

פונקט ווי דבורהלע האָט געהאַט צו ליידן פון אַ טאַטן אַן אַכזר אַזוי האָט דייזי געמוזט טרינקען דעם ביטערן כוס פון אַ „ליבנדער“ מאַמע, וואָס האָט געהאַלטן אין ווערן עובר־בטל.

* * * * *

**דאָס אייביק ווייבלעכע.** אין דער היינטיקער צייט, ווען גטן זיך איז געוואָרן אַ געוויינטלעכע דערשיינונג, קען מען מיינען אַז הערצאָגס דייזי דאַרף באַצייכנט ווערן ווי בלויז אַ גרושה אַ געגטע, און ניט ווי אַ גרעטכען, ווי אין אָנהייב דערקלערט. ס'איז אָבער ניט אַזוי, וואָרעם ס'איז ניט איר פּערזענלעכע אומגליקלעכע לאַגע אַליין וואָס מאַכט זי פאַר אַ גרעטכען. דער גורם פון איר לאַגע איז, ווי אין פאַוסט, דער מאַן וואָס זי באַגעגנט אין איר לעבן. דער מאַן דערהייבט זי צום הויכן פּעדעסטאַל פון ווייבלעכקייט. אמתע גרעטכענס זיינען ניט קיין פאַרבייגייענדיקע עפּיזאָדן. זייערע געשטאַלטן קענען נישט אָפּגעווישט ווערן פון די הערצער פון די מענער וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט.

אין דעם הערצאָג־בוך, בעת מאָזעס קוועלט זיך אויף די וועגן פון זיין תשובה, גייט דייזי נישט אַרויס פון זיין קאָפּ און האַרץ. זי לעבט אויף אין די נישט אַוועק־

געשיקטע בריוו, אין זיינע געדאַנקען און אין די בילדער וואָס ער געדענקט מיט פּראָסטיאַנישער געניויקייט. „אוי, דייזי, עס טוט מיר באַנג. איך האָב רחמנות...״ שרייבט ער בשעת עס ציט אים אַרויס־צונעמען אירע פאָטאָגראַפיעס פונעם קעסטל אונטערן בעט. נאָר ער קען זיך פאַרשטעלן איר פּנים ווען ער וויל, פּונקט ווי ער האָט זי צוערשט געזען אין שיקאַגע אין איר לויטערער ריינקייט און שפּעטער ווי אַ ציכטיקע און באַגלייבטע פרוי פּונקט ווי איר מוטער איז אַמאָל געווען. זייער קאַרטאָטעקע האָט זי אויסגעפילט מיט האַנט־געדרוקטע קאַרטן וואָס האָבן אַריינ־געברענגט אָרדענונג אין זיין צעטומלטן לעבן. אָבער מאָזעס הערצאָג קאָן איצט גאָר ניט טאָן. זיין נשמה איז צעטרענצלט און זיין גוף איז צעבראָכן, נישט מער צו פאַרריכטן. ער קען בלויז אָנהייבן נאָך אַ בריוו: „טייערע דייזי, איך דאַרף דיר דערציילן עטלעכע זאַכן...״ און זיך אַריינ־לאָזן אין ווייטערע געדאַנקען. „צוליב מיין צעמישטקייט און אומרואיקן גייסט האָב איך פון דייזין אַרויסגעבראַכט נאָר דאָס שלעכטע אין איר.״

אויך צמח אַטלאַס טראָגט אין זיך שטענדיק דאָס בילד פון דבורהלען. אָבער זיין שולד־געפיל און זיין מיטלייד טרייבן אים צו גיין אויף אַן אַנדער וועג, נישט ווי הערצאָג מיט זיין שרייבן בריוו און שפּינען געדאַנקען אָן ממשות. אין צוויי פולע קאַפּיטלעך פון צוויטן טייל די ישיבה גיט גראַדע אַ מעכטיקע שילדערונג פון צמחס צוריקקער קיין אַמדור, וואָס וועט בלייבן אַ מייסטערווערק אין דער עפּישער ליטעראַטור. צמח פאָרט קיין אַמדור גע־וויר צו ווערן וואָס ס'איז געוואָרן פון דבורהלען נאָך די אַלע יאָרן און בעטן פון איר מחילה פאַר די יסורים וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט. ער איז גרייט צו צאָלן קנס פאַרן צער און בזיון. ווען ער האָט געהערט אַז דבורהלע איז פון האַרצ־ווייטיק געשטאָרבן האָט ער זיך אויסגע־צויגן מיטן פּנים אויף דער האַרבסטיקער צעווייקטער ערד... אַצינד האָט ער דבורהלען געזען אין אַן אַנדער ליכט, אַז זי איז געווען זיין זיווג מן השמים... וואָס פאַר אַ גוט, געטריי ווייב זי וואָלט אים געווען!

צמח פאַרלאָזט אַמדור אָן דבורהלעס מחילה. צמח דער מוסרניק קען ניט גע־פינען קיין טרייסט פאַר זיך. „אוי, צמח״, מורמלט ער צו זיך, „דו וועסט נאָך דאַרפן לאַנג זיך וואַלגערן און אָפּקומען ביז דו וועסט קריגן אַ צעבראָכן האַרץ און קענען אויף זיך זאָגן: ׳לב נשבר ונדכה, אלהים לא תבזה׳!״

***

נישט דאָס אַליין וואָס ס'איז מיט דייזין אָדער מיט דבורהלען געשעען מאַכט זיי פאַר גרעטכענס. בלויז ווען אַזעלכע גרוי־סע מייסטערס ווי גראַדע און בעלאָו רירן זיך צו צום רוי־מאַטעריאַל פון אַזעלכע געשיכטעס, ווען זייערע מייסטערווערק זיינען שוין פאַרענדיקט, דאַן דערזעט מען זייערע קאַנטורן בולטער און שאַרפער פון אַנדערע גרושות אָדער פאַרלאָזטע פרויען. זיי ווערן אמתע גרעטכענס בעיני רואים, דאָס הייסט פאַרן לייענער. די אינערלעכע עלעמענטן פון זייערע געשיכטעס זיינען איבערראַשנדיק ענלעך צו געטהעס גע־שיכטע. ס'איז דאָ אַ געוויסער אמת אין דעם טײַוולס באַמערקונג דאָרט: „זי איז נישט די ערשטע״. דער חילוק איז וואָס נאָך דעם ווי זי ווערט פאַרלאָזט לעבט זי ווייטער און נעמט אָן נייע דימענסיעס. פאַוסט האָט געמאַכט זיין גרעטכען פאַר אַ באַגריף. ס'איז נייטיק געווען אַ מאָזעס הערצאָג צו מאַכן דייזין פאַר אַ גרעטכען. אָן זיי וואָלטן די יונגע גרושות געווען פאַרמשפּט פאַרגעסן צו ווערן.

טײַוולאָנישע כוחות טרייבן די געשעע־נישן צו פאַרניכטונג. אין פאַוסט ציט דער טײַוול די לייצעס און ווען פאַוסט רעוואָל־טירט העלפט דאָס ניט. אָבער צום סוף זיגט דאָך פאַוסט. אין הערצאָג דערשיינען די שוואַרצע כוחות אין פאָרעם פון אָנ־שטעל און פאַלשקייט. זיי געלינגט אַריינ־צוציען מאָזעסן אין זייער נעץ ניט געקוקט אויף זיין גרויס וויסן. אין די ישיבה זעט מען ניט קיין טײַוואָלים, ניט קיין ממשות־דיקע און ניט קיין סימבאָלישע. דער יצר הרע, די סיטרא אחרא, איז אין צמחן אַליין, און ער אַרבעט איבער זיך כדי אים אויסצוואָרצלען פון זיך אָן פחד נאָר מיט מעשים. ווי אויסטערליש זיינע מע־שים זאָלן נישט זיין, ווי למשל זיין צוריק־